# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI. NO. 2 — 50 CENTS A YEAR — OCTOBER, 1928


## WAS ABRAHAM A JEW?

No, Abraham was a Gentile. His father was a worshipper of idols. He not only worshipped idols, but he taught others to indulge in the same abomination.

And yet God loved Abraham. Indeed, so great was God's love for this remarkable man, that He honored him by calling him MY FRIEND. And Abraham has come down to us in history as the only person in all creation whom God ever called "Friend." What would you not give, dear reader, if you too could be called the Friend of God? Sometimes we Jews get the false idea that just because we are Jews therefore we are entitled to some sort of charmed existence, and that somehow God owes us eternal care and eternal life. Nothing could be further from the truth than this. The Jews in the time of the Lord Jesus Christ used to boast of this false security, but one day John the Baptist said to them:—

"And think not to say within yourselves, We have Abraham to our father: for I say unto you, that God is able of these stones to raise up children unto Abraham." Matth. 3:9.

In the days of Abraham the word Jew was unknown. Such a thing as a Jewish nation was unheard of, and on every side were only Gentiles. And yet God loved Abraham, a Gentile.

It is of supreme importance that every thinking Jew should find out why God loved Abraham. The answer is not hard to find, nor far to seek. It is found in our own Pentateuch, in Gen. 15: 6.

"and he believed in the Lord; and he counted it to him for righteousness."

At that time Abraham was 100 years old and Sarah, his wife, was 90 years old; both of them were beyond all human possibility of ever being a father and a mother. Yet God came to Abraham and told him "he that shall come forth out of thine own bowels shall be thine heir." And Abraham was just simple enough and trusting enough to believe that what God said would come to pass, even though all human nature told him it was an utter scientific impossibility.

#### Abraham Changes His Mother's Religion

And long before even this incident, our own Jewish Talmud tells us how Abraham had become disgusted with his father's and mother's idols, and altho he had been brought up in his mother's religion, and his father 's religion, his own senses told him that that religion was vile and was in direct disobedience to the will of God. And Abraham as a young boy set his teeth and turned his feet away from his father's home and away from his own kindred, and went out into a land wherever God would lead him. And if Abraham had not done that, and if he had stayed by his father and mother which was the easiest thing to do, would there be a Jewish nation today?

Listen, you rabbis; hear us, you so called Jewish leaders, who mislead thousands of innocent Jews; don't ever talk again about a Jew who becomes a believer in the Lord Jesus Christ as a "traitor to his mother's religion." If Abraham had not been a "traitor" to his mother's religion, you would not be a rabbi today, and you would not be a Jewish leader today. It is only because we have had such "traitors" among us, men who have dared to stand for what is right, and who have gone down to the death because of their faith, if we had not had such men among us, we fear very much that God would have destroyed the Jewish nation many, many years ago because of the fullness of their iniquity.

And God sent His only begotten Son into the world, and He asked us to believe in Him as the only Saviour for our sins as the only person through whom we may have eternal life. And in asking us to do this, God has asked from us exactly the same exercise of faith which He asked of Abraham nearly six thousand years ago. And Abraham believed God, but we Jews of today are so much smarter than Abraham that we refuse to believe God, and we quibble and argue and stumble over such a foolish question as to whether the Lord Jesus Christ could have been scientifically born of a virgin! Was the birth of Isaac at a time when Sarah was 90 years old and beyond all human child-bearing possibilities — was that birth any less miraculous than the birth of the Lord Jesus Christ from a virgin? If God was able of a piece of clay to speak the word and to breathe the breath that made of it a human being, could not the same God cause a young virgin to have a child? Don't you see, dear reader, how Satan is only blinding you and throwing dust before your eyes so as to make you stubborn and to make you argue over little foolishness and thus prevent you from actually becoming a true child of God and a friend of God?

And there are thousands of Gentiles to-day who just as Abraham did of old are actually believing God, and they have had no difficulty in believing that God could and did cause the birth of the Lord Jesus Christ by the Virgin Mary, and in so believing these Gentiles are exercising exactly the same kind of faith that Abraham exercised, and so they have become, and God has called them "the spiritual seed of Abraham," and they are truly God's children, and they are putting to shame our Jewish nation, because they believe God and our Jewish nation does not believe God.

The Synagogues were crowded this Yom Kippur as in previous Yom Kippurs and thousands of Jews fasted and prayed and cried to God the whole day long, but when the day was finished did they have any assurance that their sins were forgiven? Did God open the heavens and answer their prayers? No! Listen to what God says in Isa. 1 :15:—

"When ye spread forth your hands I will hide mine eyes from you; yea when ye make many prayers, I will not hear: your hands are full of blood."

So, dear reader, you can keep on praying and fasting from now until the crack of doom, and your prayers will get no higher than the beautiful dome of your synagogue; because God has provided for you a way by which your prayers can be answered; that way is only thru the Lord Jesus Christ, who said in John 14 :6:—

"I am the way, the truth and the life; no man cometh unto the father but by me."

so that you can only be received by God thru the Lord Jesus Christ.

How long then will our Jewish people remain blind? How long will you allow that Gentiles shall enjoy all the blessings that God has promised to those who believe in the Lord Jesus Christ? Why not try and put God to the test? Just say in your own heart that you honestly do want to be a child of God and that you honestly want to believe in the Lord Jesus Christ if God wants you so to believe. If you will do this honestly and then ask God from the bottom of your heart to show you whether or not the Lord Jesus Christ is truly your saviour, we are satisfied to abide by the results you will receive. Will you try it? Then you will truly be a child of Abraham, because you will have the same faith in God's promises that he had.

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

פערזוכט צו איבערצעהלען אלע מופתים און נסים וואס די עוואלוציע שטעלט פאר, מוז מען מודה זיין אז דאס איז א וואהנזיניגע אידעע. עס הייסט, אז קודם איז געווען עפעס אזא מין קרעאטור באשטעהענדיג פון אן איינפאכע צעל. יענע צעל האט געהאט א גרויסען חשק צו עקזיסטירען, יענער איינוויניגסטער חשק צו לעבען האט געפיהלט אז עס מוס האבען א פאר אויגען, האט זיך די צעל מיט דער הילף פון דער נאטור אויסגעווירקט א פאר אויגען. דאס איז א נס. עס האט נאכהער געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו האבען א נאז, צו שמעקען און צו אטהמען, איז געשעהן נאך א נס און די צעל האט געקראגען א נאז. און אזוי מיט די אויערען, מויל, צונג, הענד און פיס און אלע אנדערע רמ"ח אברים זענען געקומען איינס נאכ'ן אנדערען, איין נס נאכ'ן צווייטען.

עס פרעגט זיך, פארוואס האט זיך נישט געטראפען נאך אן ענטוויקלונג, ווי למשל אז א מענש זאל קריעגען א פאר פליעגעל אז ער זאל קענען ארום פליהען אין דער לופט, ארויף צום הימעל, אוועק פון דיעזער פערשווארצטיגער ערד? איז דען דאס נישט דער שטארקער באגעהר פון מענשען? מיר געפינען אז די מענשען פון דור הפלגה האבען שוין געהאט דיעזען באגעהר ווייל זיי האבען דאך געוואלט אויפבויען א טהורם ביז'ן הימעל. יא, אויך היינט ארבייטען מענשען אזוי שווער און זענען אפילו מפקיר זייער לעבען צו פארפאלקאמען עפעס א לופט־שיף כדי צו קאנען פליהען. דאס צייגט אז דער מענש פיהלט זיך נישט צופריעדען צוגעבונדען צו זיין צו דער ערד. דער מענש וואלט גערן געהאט א פליה צו טהון צו דער לבנה און צו די אנדערע גרויסע פלאנעטען און זעהן וואס דארט טהוט זיך.

אויך דוד המלך האט אויסגעדרוקט זיין העפטיגען פערלאנג צו האבען פליעגעל זאגענדיג: „מי יתן לי אבר כיונה".

און אזוי ווי די מענשהייט האט א שטארקען באגעהר זיך צו רעטען פון טויט פרעגט זיך פארוואס האט זיך נישט עוואלוציאנירט אין מענש אזא מין וואפע, כלי זיין, מיט וועלכען צו באקעמפפען און צו באזיעגען דעם מלאך המות ווען ער קומט אוועקצונעמען דאס לעבען?

היינט זענען די וויסענשאפטס־לייט מעהר געלערנט און מעהר בעקאנט מיט רעאלע פאקטען און זיי לאכען פון דארווינס בויך סברא. די אמעריקאנער פילאזאפישע סאסייעטי האט נישט לאנג צוריק אבגעהאלטען די צוויי הונדערט יעהרליכע פייערונג אין פילאדעלפיא, דארט זענען געוועזן פיעלע דעלעגאטען וועלכע האבען רעפרעזענטירט אלע וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע ארגאניזאציעס אין דער גאנצער וועלט וואס צעהלען אין די הונדערטער. דער פרעזידענט פון דער גאנצער געלערענטער מחנה דר' פראנצים פערקום, פראפעסאר אין דזשעפערסאן קאלעדזש, האט געהאלטען א פארטראג איבער דארווינס טהעאריע. און נאך פיעלע בעווייזע וואס ער האט געליפערט צו צייגען ווי גרונדלויז דארווינס טהעאריע איז, האט ער אויסגעשריגען: „דיעזע טהעאריע קאן אונז נישט אויפקלעהרען פון וואנעט דאס לעבען האט זיך גענומען אויף דער וועלט". דארווין זאגט אונז אז ס'איז געווען קודם אן איינפאכע צעל, יא, אבער פון וואנען האט זיך גענומען יענע לעבעדיגע צעל? דער סוד פון לעבען איז אייביג געווען און איז נאך היינטצוטאג אונערקלעהרבאר.

דערפאר מוזען מיר ווידער צוריק געהן צו דער הייליגער תורה וואס זאגט אונז אז גאט האט דעם מענש בעשאפען, און מיר זענען פעראנטווארטליך צו גאט. ער האט צו אדם געגעבען נאר איין געבאט: „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל," דאך האט דער ערשטער מענש אפילו דאס איינאיינציגע געבאט נישט אויסגעהאלטען, מיט דעם האט ער זיך פערזינדיגט און האט פארלוירען די געמיינשאפט מיט גאט. זייט דעמאלט זענען אלע מענשען געווארען זינדיג ווייל זיי האבען די פערדארבענהייט גע'יורש'ט פון אדם און חוה. דאפיר זענען מיר אלע זינדער, „כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו". (ישעיה נ"ג). גאט ב"ה האט אין זיין גרויסער אהבה צו אונז מענשען, א מיטעל געפונען, ער האט געשיקט דעם הייליגען משיח ער זאל אויף זיך נעמען די זינד פון יעדען מענש וועלכער גלויבט און נעמט איהם אן אלס איין קרבן. דורך דעם קרבן איז גאט אונז מוחל אויף אונזערע עברות, און מיר ווערען צוריק פעראייניגט מיט גאט און ווערען בנים למקום.

---

מיר לאדענען אייך איין צו אונזערע

פערזאמלונגען.

אויף „לך לך", מאכט רש"י: „להנאתך ולטובתך"; קומט וואו מ'ליעבט אייך.

---

## א גערעטעניש אויף באקעדרטע רבנים

אזוי ווי שוועמליך נאך א רעגען וועלכע שפראצען אויף שנעל און אונערווארטעט, אזוי כאפען זיך דא און דארט פלוצים ארויס רבנים דרשנים און פרעדיגען בקול רם אז די בעסטע זאך איז נאכצופאלגען יעזוס, ד"ה אין אידיש, ישוע המשיח.

ניט לאנג צוריק איז ראביי לייאנס פון ברוקלין ארויסגעקומען מיט אן אפענער דרשה אז בכן, ער וויל אוועק געהן פון זיין טעמפעל און געהן פון שטאדט צו שטאדט פרעדיגען ישוע המשיח צו אלע מענשען. ראביי לייאנס האט ארויסגעצייגט מעהר מוטה ווי ראביי וויז פון ניו יארק וועלכער האט כלומרשט געזאגט פיעלעס וועגען ישוע המשיח, ער ריהרט זיך אבער נישט קיין שריט פארווערטס ווייל ער האט אפנים מורא פאר דעם סענטימענט וואס איינגע פיהרערס האבען געשאפען געגען איהם, אבער ראביי לייאנס האט יא דעם קוראזש עפעס אויפצוטהון ממשות'דיגעס, נעמליך אויפצוגעבען זיין קליינע און באשרענקטע ספערע און ארויסצוגעהן אין דער גרויסער וועלט מיט דער לעהרע פון ישוע המשיח.

פאריגען ראש השנה האט אן אנדערער ראביי אפען גע'דרש'ענט צו גונסטען ישוע המשיח. ראביי מארים טהארנער פון דזשוירזי סיטי איז ארויסגעקומען מיט א שארפער דרשה און געווארענט זיין גרויסע געמיינדע פון 800 מיטגלידער אז זיי זאלען נאכפאלגען און געהן אין די דרכים פון יעזוס, ישוע המשיח.

יא אזאלכע ראביים זענען פאראן זעהר פיעל וואס האבען אנגעהויבען די אויגען צו עפענען און פריי צו דרש'נען וועגען ישוע המשיח. הלואי זאלען שוין אונזערע אלע אידען מיט די רבנים בראשם, רעפארם און ארטאדאקס, ארונטער רייסען די מסוה מעל פני משה און זעהן דעם אמת אין תורת משה והנביאים וואס איז ערפילט אין ישוע המשיח. וועלכער איז דאס „אור העולם" און דער „דרך ואמת והחיים". (יוחנן ח, און י"ד).

---

## על חטא

ניט פון בלומען, נור פון דערנער
איז געווען די קרוין,
אויף דעם קאפ פון מיין באשערמער
— האס און שאנד זיין לוין.

ניט זיין לעבען, נור זיין סקילה
האבען מיר באגעהרט,
און פארשטויסען די גאלה,
וואס פון גאט באשערט.

גרויסער גאט, זיי אונז מוחל
אונזער שווערען חטא,
הער מיט רחמים פון דיין היכל
מיין על חטא געבעט.

## כורעים

טראג זיך טראג זיך מיין נשמה
אין די בלוי־ווייסע ספערען
אויף די פליגעל פון אמונה
און פאל כורעים פאר'ן הער'ן.

ליוב דעם האר פון די הערשארען
פאר זיין ליעבע צו ישראל,
ווייל געשטילט האט ער מיין גארען
דורך ישוע - עמנואל.

— חיים איינשפרוך.

---

## בית שר שלום

(וויליאמסבורג מיססיאן צו אידען)

קאר. טהרופ עוו. און וואלטען סט., ברוקלין, נ. י.

---

קומט צו אונזערע **פערזאמלונגען**

פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . **פיר מענער און פרויען**

**זאנטאג** נאכט, 8 אוהר - - - **פיר מענער און פרויען**

מאנטאג נאכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניאל

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל"ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלערען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. XI. NO. 2 — 50 CENTS A YEAR — OCTOBER, 1928


## מ'וויל צונעמען לוט'ס ווייב

מענשען אין אלגעמיין זוכען אימער נייע זאכען. נייע מלבושים, נייע דירות, נייע מאדעס, נייע תענוגים און נייע אויפֿרעגונגען. דאס אלטע ווערט מיאוס און פארגעסען און דאס נייע האט א רייץ און ציהט צו זיך די לוסט פון דער וועלט. אבער די געבילדעטסטע, די געלערנטסטע און די גרעסטע וויסענשאפטס מענער אויף אונזער ערד קוגעל געפינען זייער גרעסטעס פערגעניגען אין די גאנץ אלטע און פארגעסענע געגענשטענדען. זיי גראבען טיעף אין דער ערד אום אויסצוגעפינען דעם אלטען פרעה אין זיין קבר. זיי ווילען זעהן וואס עס האט זיך אמאל געטהון אין „אור כשדים" די שטאדט פון אונזער פאטער אברהם. זיי האבען א חשק געוואר צו ווערען ווי אזוי עס האבען אמאל געלעבט און געשטרעבט די אלטע חתים און די אמאליגע פלשתים.

היינט האבען זיי זיך א נעם געטהון צום ים המלח וואו עס זענען איינגעזונקען געווארען די שטעדט סדום און עמורה פון וועלכער קאטאסט־ראפע נור איין „לוט" מיט זיינע צוויי טעכטער זענען גערעטעט געווארען. מ'האט אבגעשאצט אז אין דעם ים המלח ליגען באגראבען גרויסע אוצרות וועלכע מ'וויל פון דארט ארויסשלעפען. און איצט אז מ'וויל זיך שוין נעמען צו דער ארבייט, וויל מען צו אלעם ערשט אוועקנעמען לוט'ס ווייב (וועלכע איז געווארען א „נציב מלח", א זייל פון זאלץ) כדי צו קריגען א בעסערען צוטריט צום ים המלח. דיעזע זייל זאלץ אין וועלכען לוט'ס ווייב איז פערוואנ־דעלט געווארען בשעת סדום און עמורה איז פאר־ניכטעט געווארען, איז דארט געשטאנען אונגע־שטערט איבער פיער טויזענט יאהר.

איינינע היסטאריקער האבען געשריבען אין זייער געשיכטע אז זיי האבען דיעזע זייל זאלץ, לוט'ס ווייב, אליין מיט זייערע אויגען געזעהן און בעטראכט און זיי האבען אויסגעפונען אז די גע־שיכטע וואס דאס תנ"ך דערצעהלט אונז וועגען לוט און זיין ווייב איז אמת.

דארט אין פרשת וירא לייענען מיר אז גאט האט נישט מעהר געקאנט דולדען די שווערע זינד פון סדום און עמורה און ער האט געלאזט רעגענען שוועבעל און פייער פון הימעל אויף יענע צוויי שטעדט. נור צו לוט האט גאט געשיקט צוויי מלאכים וועלכע האבען אהם אנגענומען ביי דער האנד און האבען איהם ארויסגעפיהרט מיט זיין ווייב און מיט זיינע צוויי טעכטער. די מלאכים האבען זיי אנגעזאגט אז מ'טאר נישט בליקען הינ־טער זיך, נייערט אנטלויפען דירעקט מיט'ן פנים און מיט די אויגען פארווערטס, דאך האט לוט'ס ווייב דאס נישט געפאלגט און זי האט יא א בליק געגעבען הינטער זיך, כאטש נאך איינמאל א בליק צו געבען אויף דער שטאדט סדום אין וועלכער זי האט פערבראכט אזוי פיעל יאהרען, און אזוי באלד ווי זי האט זיך אומגעקעהרט און א קוק געטהון איז פון איהר געווארען א גרויסער הויפען מיט זאלץ.

> שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפס. וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטא־מענט אין אידיש, ענגליש אדער העברע־איש. דאס איז א גרויסער בארגין.

אין פלוג איז שווער צו פארשטעהן פון אויבען אויף, ווארום איז איהר געקומען אזא שווערע שטראף בלויז פאר איין קוק? אבער ווען מען בעטראכט דאס אין דעם ליכט פון ישוע המשיח'ס הייליגע ווערטער זעהט מען די ריכטיגקייט פון גאטס דרכים.

מיר לייענען אין מתתיהו, קאפיטעל ה', 27: „איהר האט געהערט וואס איז געבאטען געווארען נאך פון לאנג „לא תנאף", אבער איך זאג אייך אז ווער עס בליקט נור אויף א פרוי מיט א תאוה איז זיין הארץ דער האט שוין געבראכען דאס געזעץ פון לא תנאף. דאס האט געשאפען דאמאלס, און איז נאך ביז'ן היינטיגען טאג א גאנצע רעוואלוציע געגען די לעהרע פון די רבנים. זיי, די תלמידי חכמים, האלטען, אז מיט א מחשבה אליין האט מען נאך נישט עובר געווען אויף יענעם געבאט, ביז עס איז געשעהן א ריכטיגע טהאט טאקע במעשה. אבער ניט מיט א בלויסע מחשבה, ווייל פאר א מחשבה בעשטראפט ניט גאט ב"ה דעם מענש. אין גמרא לשון הייסט עס: מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה".

אבער דארט ביי לוט'ס ווייב זעהט מען די זאך גאנץ אנדערש, אז אפילו א בליק, וואס איז נישט מעהר ווי א מחשבה קומט אויך א שווערע שטראף. ווייל עס איז נישט דער בליק אליין נייערט דאס הערץ וועלכעס איז מיט דעם בליק פארבונדען. איהר בליק האט געצייגט אז דארט אין איהר הערץ האט זי געהאט א גרויסע זעהנזוכט און א שטארקען באגעהר צוריק צו קעהרען נאך סדום און דארט געמיינשאפט האבען מיט די שלעכטע זינדיגע מענ־שען. זי איז טאקע געשטאנען אין דער ריכטונג פון צוער וואס איז געוועזען געגייגט אוועק פון סדום, אבער איהר הארץ איז נאך אימער געוועזען אין סדום. און ווי מיר וויסען זעהט גאט נור דאס הארץ פון א מענש אבער נישט די אויסווענדיגע פורם פון געשטאלט.

גאט האט אמאל געזאגט צו שמואל הנביא: „אל תבט אל מראהו ואל גבוה קומתו... כי לא אשר יראה האדם כי האדם יראה לעינים וד' יראה ללבב". (שמואל א, ט"ז) ד"ה, עס איז נישט אזוי ווי א מענש זעהט, ווייל דער מענש זעהט נור אויף די אויגען אבער גאט זעהט וואס עס טהוט זיך אין דעם הערץ.

אזוי געפינען מיר אסאך מאל אין תנ"ך ווי גאט האט געווארענט דאס אידישע פאלק אין באצוג צו דעם הערץ. גאט זאגט „ומלתם את ערלת לבבכם" און „ומל ד' אלהיך את לבבך", ד'ה, אז דאס הערץ מוז באשניטען זיין וועלכעס איז זאנסט פאר־שטאפט מיט זינד און פארדארבענהייט.

אין יחזקאל י"ח בעט זיך גאט ביי אידען: „ועשו לכם לב חדש ורוח חדשה ולמה תמתו בית ישראל". מאכט אייך אידען א ניי הערץ ווארום זאלט איהר שטערבען.

דאך האבען אונזערע עלטערען נישט געוואלט צו הערען צו גאט'ס געבעט און ווארנונג, זיי האבען נור בעאבאכטעט די אויסווענדיגע זאכען וואס האבען לחלוטין קיין שום ווערטה נישט, אבער דאס הערץ... דאס האבען זיי געלאזט אין א מיזערא־בעלע פערדארבענע לאגע....

אזוי איז עס נעבוך ביי אידען געבליבען עד היום הזה. פרומע אידען היטען שטארק אב תפילין, מזוזות, ציצית און נאך אזאלכע אויסערע זאכען


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April, 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.